בס"ד

# ואתא קלבא ושחט לתורה

## די קעלבער האבן גע'שחט'ן די תורה, נאך 25 יאר זיך אליינס פאפן מיט די "נייע הנהגה"

**(דיסקלעימער: כאטש איך פערזענליך געהער נישט צו קיין פארטיי, איך דאוון אין א קליינע שול ערגעץ וואו אין גרעיטער ניו יארק, און מיינע קינדער לערנען נישט אין קיין פארטייאישע מוסדות, פיל איך מ'דארף ארויסברענגען דעם אנאליז פון ווי ווייט די פארטייאישע מענטשן דערקייקלען זיך, אריינגערעכנט אזעלכע וואס האבן אלע יארן געזינגען א ניגון אז 'אונז זעמיר נישט קיין פארטיי', און דערווייל שטעלט זיך ארויס ווי מיאוס זיי זענען פארקראכן אדאנק דאס זיין אנגעשלאסן אין די א.ג. 'זאלי' פארטיי, ס'איז רוממות אנטי–פארטיי בגרונם וחרב פיפיות בידם.)**

מ'שטייט יעצט 25 יאר נאכדעם וואס סאטמאר איז אריבער א אויפשאקלונג. ס'איז אנגעקומען א נייער רב קיין וויליאמסבורג. "אלע" בני יואל און וואס מהאט דעמאלס גערופן 'מתנגדים' (פון ברך משה) זענען געשפרינגען פאר שמחה, ענדליך האט מען אויסגעפירט און די דענאסטיע פון טעראר און כאילו-ממלא מקום'דיגע הנהגה איז געענדיגט, מ'גייט מאכן א נייע סאטמאר, וואס גייט 'פיטן' אלע קרייטעריעס פון תלמידי רבינו, און פיקסן אלע דעמעדזשעס. געענדיגט מיט בלינדע 'פארטיי' אידישקייט. ס'קומט נייע צייטן.

דער עיקר האט מען טרומפייטערט מיט צוויי הויפט 'דערגרייכונגען', וואס דער נייער רב גייט דעליווערן: 1) מ'גייט אויפהייבן דעם כבוד פון סאטמאר, דער כבוד פון 'רבי זכרונו לברכה', מ'גייט זיך שוין פירן פונקטליך לויט וויאזוי סאטמאר דארף זיך פירן; 2) מ'גייט אויפהייבן דעם כבוד פון 'רבנים' און 'דיינים'. "געענדיגט, נישטא מער קיין דן יחידי, יעדע זאך גייט מען פרעגן די 'דיינים' (פארשטייט זיך נאר די וועמען זיי האבן געשאנקען דעם טיטל), און פון היינט און ווייטער גייט סאטמאר 'פאלגן דעת תורה'.

שוין דורך 25 יאר, גענוג לאנג צו קענען מאכן א סך הכל און זען וואו די חלומות זענען אנגעקומען.

אנהייב האט מען זיך נאך געקענט איינרעדן אז אלעס פארט געשמירט. ר' זלמן לייב זוכט נישט גארנישט, ער איז סתם דא אלס 'מענעדזשער', און בעיקר אז מ'זאל אים קענען נוצן צו שטויסן זיין ברודער. יעדע זאך האט מען כסדר געהערט רעדן וואס 'די דיינים' האלטן, און מ'האלט שוין ממש ביי משיח'ס צייטן.

צוביסעלעך צוביסעלעך האט אבער אנגעהויבן ארויסקומען דער עכטער פרצוף. מ'האט אנגעהויבן פראווען רעביסטעווע, טישן מיט פארענטשעס, ניגונים און א 'הויף', ס'איז שוין נישט געווען גענוג אז מ'איז א 'מענעדזשער', מ'האט געדארפט אויך מאכן א רעביסטעווע, דאס וואס מ'האט אלע יארן געשריגן אז ס'איז 'עבודה זרה' און 'געטשקעלע', פלוצלינג האט ער אלעס אנגעהויבן נאכמאכן. געווארן א געהעריגע פארטיי ווי אלע פארטייען, א רבי ווי אלע היינטיגע רבי'ס [מיינוס דעם עולם, ווען די טישן און שמחות זענען אפט געווען ליידיגער ווי אפילו די קליינע רבי'ס אין וויליאמסבורג.]

אבער דאס ערגסטע איז געווארן ווען מ'האט אנגעהויבן אנפייפן די 'רבנים' און 'דיינים'. די גאנצע זאך האט געפלאצט ווי א מעכטיגע בעלון. אמאל האט מען געקענט זען לאנגע רייעס אויפ'ן אויבנאן פון אלע תלמידי רבינו, אזויפיל רבנים און רבי'ס פלעגן זיך מחי' זיין צו קומען באשיינען דעם אויבנאן און ווייזן שטיצע פאר די 'נייע עפאכע', אבער וואס א טאג שפעטער האבן מער און מער רבנים איינגעזען אז קיינעם אינטערעסירט נישט זייער 'דעת תורה', און זיי זענען נאר דא אלס האנטיכער אין וועמען זיך אפצווישן די שמוץ, און צו קענען ארויסלייגן פאר שיינע פיקטשערס.

דער אויבנאן איז געווארן אלס קלענער און קלענער, ביז מ'איז געבליבן נאר מיט די 'אייגענע', די איינגעשטעלטע רבנים און דיינים, און אויך די בני המשפחה - דאס איז טאקע אלעמאל געווען א גרויסער טרייסט, אז מ'פארלירט טאקע אלע רבנים, אבער אונז האמיר "חיים הערש", א 'פרומער' און דער 'עכטער' ממשיך דרך פאר'ן רבי'ן זכרונו לברכה, ער גייט זיין דער 'שומר' אויף זיין טאטע צו פארזיכערן אז מען 'פארקריכט נישט פון רבי'ן זכרונו לברכה'.

אזויפיל מערכות איז מען שוין דורך אין די לעצטע יארן. ביי 'כינוס כלל ישראל' האט מען טאקע פארלוירן זייער אסאך פון די היימישע רבנים, נאכדערצו ווען די

רבנים זענען אליין געווען ביים כינוס און האבן זיך ממש געגרוילט פון די ענגלישע דרשות און גראבע ציונות וואס מ'האט ליידער געהערט.

אבער פון די אנדערע זייט איז געווען אזויפיל 'געלונגענע' מערכות, די קברים אין בית שמש, גיוס בני הישיבות, גיוס בנות, די 'היימיש-געווארענע' ליטווישע קרייזן פון א"י, און געגנוג אנדערע וואו זיי האבן זיך געקענט פילן אזוי שטאלץ און באקוועם, 'ביי אונז איז ב"ה געבליבן די 'פינטעלע' פון רבי זכרונו לברכה', מ'האט געקענט באוואשן דעם ברודער אז 'ער איז פארקראכן', ס'האט נישט געדארפט שטימען מיט די פאקטן, אבער בעיקר האמיר זיך גוט געפילט אז 'אונז גיי מיר רעכטס', ר' זלמן איז דער 'עכטער' ממשיך דרך, די 'דיינים' זענען צופרידן.

נאכדערצו די הייליגע מעמדים פון "שקל הטהור", מ'האט געשיקט אזויפיל מיליאנען דאלארן פאר מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ ישראל, "דער איד" האט אים געקרוינט אלס "מגן חינוך הטהור", און ווידער האבן אלע בחורים און יונגלעך זיך איבערצייגט אז 'נאר אונז ראטעווע מיר דעם חינוך הטהור אין ארה"ק', אלע מוסדות אין ארץ ישראל האבן געמוזט גיין אין שפאן, מ'האט געמאכט אזעלכע שיינע נסיעות, אלע לעלוס זענען מיטגעפארן, אלע קינדער האבן געדארפט ארויסקומען צום קבלת פנים, און יעדער האט געזען אז 'אונז זענמיר די עכטע סאטמאר'.

מ'איז געווען אין שפיץ פון גליק, אין זיבעטן הימל.

~~~

פלוצלינג האט אלעס געקראכט ווי א זייפנבלאז.

ס'איז געקומען א הייליגע מערכה, נישט אין די ווייטע 'הרוצה-לשקר-ירחיק-עדותו' מלחמה אין ארץ ישראל, נאר טאקע דא אין אונזער בעקיארד, די מוסדות דאהי האבן זיך געטראפן פאר א שווערן נסיון, די אדמיניסטראטערס האבן געווארנט אז די מוסדות פארלירן שווערע מיליאנען וואס גייט אונז אפקאסטן פון טאש, די פאליטיקאנטן האבן געמאכט א יד אחת מיט אגודת ישראל צו ארבעטן אינאיינעם און פארזיכערן אז די העפטיגע געלט-קראנען פון די רעגירונג זעצן פאר צו גיסן ווי מער געלט. און מיט די הארבע תורה'דיגע שאלות, וואס גרעניצט זיך לויט גדולי ישראל מיט 'יהרג ואל יעבור', פון דעם ווערלן די פאליטישאנס שוין 'קעיר נעמען'.

מ'האט אנגעהויבן הערן מאדנע זמירות. 'לערנען צוויי שעה ענגליש'; 'אנהייבן לערנען סייענס', טאקע נאר 'די כשר'ע', פארשטייט זיך...; מ'ברענגט אריין נייע סארט לימודים, בפרט די 'קאמאן קאור' ביכער, וואס כמעט אלע אונזערע רבנים און דיינים זענען אזוי שארף קעגן דעם; מ'מאכט א 'קודש' קוריקולום וואס מ'שיקט אריין פאר די גאווערמענט, און מ'פרעגט נישט קיין שום רב אדער דיין, אפילו דעם אייגענעם 'מענעדזשער' רבי'ן אינוואלווד מען קוים.

אבער דאס אלעס איז נאך 'קישמישקאס' קעגן די שרעקליכע אומדערטרעגליכע פירצה נוראה וואס דא האט פאסירט, ווען מ'איז געגאנגען מיט די אייגענע הענט און איבערגעגעבן די שליסלעך פון אלע אונזערע מוסדות, פון טויזנטער תינוקות של בית רבן יונגלעך און מיידלעך, אלעס האט מען בידים געשאנקען פאר די פיינטליכע רעגירונג אויף א גאלדענעם טאץ! די זעלבע גאווערמענט וואס זאגט אפן און קלאר אז מ'דארף 'מחנך זיין די אולטרא ארטאדאקסן', מ'דארף 'אויסלערנען זייערע קינדער אז מ'קען אויך לעבן אנדערש', כדי אז די קינדער זאלן קענען 'אויסקלויבן אן אנדערע וועג ווען זיי וואקסן אונטער', רח"ל מהאי דעתא.

ס'האט זיך אנגעהויבן ווען די פאליטישאנס האבן געמאכט א באשלוס שוין אפאר יאר צוריק אז מ'גייט 'ארבעטן מיט די גאווערמענט', מ'האט קיינעם נישט געפרעגט, אזא האקעלע דעסיזשען וואס איז נוגע פאר צענדליגער טויזנטער קינדערלעך אין גאנץ ניו יארק, האט מען נישט געפרעגט פון קיין שום רב און קיין שום רבי, מ'האט נאר געפרעגט די לויערס און פאליטישאנס פון אגודת ישראל, און מ'האט שטילערהייט צוגעזאגט פאר די רעגירונג אז 'אונז וועל מיר שוין ערלעדיגן די ראבייס זאלן מיטארבעטן'.
~~~

עכט קען מען נישט האבן קיין טענות אויף די פאליטישאנס. זיי זענען שוין אזוי צוגעוואוינט פון יארן אז אלעס וואס זיי ווילן, בפרט אין די נושא פון חינוך הטהור, באקומען זיי אויף א גאלדענע טאץ, און די רבנים און דיינים וועלן שוין נאכטאנצן אויף זייער טרומפייט.

למעשה האט אנגעהויבן ווערן א געוואלדיגער אויפרודער, ערליכע אידן יראי ה' אין ניו יארק און אפילו אזויפיל פון זייערע אייגענע מענטשן האבן אנגעהויבן פארפירן אז 'ס'שטינקט פון קאפ', עפעס שרעקליכע מעשיות קומען דא פאר, מ'גייט און מ'נעמט א פעטוועי' און מ'ווארפט זיך אונטער פאר די רעגירונג, עפעס וואס שטימט אינגאנצן נישט מיט די 'רבי זכרונו לברכה' פראפאגאנדע.

נאכדערצו ווען מ'האט אלע יארן געזאגט מוסר פאר אלע מוסדות אין ארץ ישראל וואס נעמען געלט פון די מדינה, מ'ווארנט פון די עצם זיך אונטערווארפן די רעגירונג אפילו אויב זיי בעטן קודם גארנישט - וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן אלע יארן אזויפיל געוויינט און געווארנט אז עווענטועל וועט די רעגירונג פאדערן, אזוי ווי מ'זעט שוין טאקע היינט מיט די 'תכנית הליבה' און 'חינוך ממלכתי חרדי' - און אויך אזוי שטארק געווארנט אז צוביסלעך וועט מען אליינס נאכגעבן פאר די רעגירונג וואס זיי בעטן, נאכדעם וואס מ'נעמט אזויפיל גרויסע געלטער פון זיי.

און דא גייט מען אליינס און מ'טוט ממש די זעלבע זאך! מען פארקויפט דעם ריינעם איידעלן חינוך פון "אונזערע" קינדער פאר אפאר גראשן!

די קאכעריי איבער דעם איז עד לב השמים! מ'האט געזען אין זיין 'שטוב' אז ס'איז נישטא קיין ברירה, מ'מוז פריש ארויסנעמען פון לעדל די האנטיכער וואס הייסט 'דיינים', און מ'וועט שוין מוזן ארויספרעסן פון זיי א הכשר אויף אלע שייגעץ שטיק וואס מ'האט דא אפגעטון אונטער'ן טיש די לעצטע 2-3 יאר.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז אפילו די אייגענע 'דיינים' האלטן נישט ביים גיין אין שפאן, נאכדערצו ווען ביי די ערשטע מיטינג איז געווארן אזא שטארקע קעגנערשאפט פון די אנוועזנדע רבנים, ביז ווען די פאליטישאנס האבן זיך געמוזט אפטראגן בבושת פנים. - וואס די רבנים האבן געפרעגט א פשוט'ע קשיא: ענק זאגן דאך אז 'אונז האמיר געוויגען', און די רעגירונג קען דערוויל זיכער נישט טשעפען און נישט באשטראפן די מוסדות, אויב אזוי וואס איז דער געיעג צו גיין פארקויפן די נשמה, און אונזערע טייערע קינדערלעך, פאר'ן שטן?!

מ'האט געזען קלאר אז ס'גייט נישט גיין אזוי געשמירט, מענטשן פארפירן געפערליך, אונזערע אייגענע מענטשן, איז וואס טוט מען דא?

האט מען אנגעהויבן שפילן די געימס וואס זענען אונז אזוי גוט באקאנט פון אגודת ישראל און פון 'מקאטאוויץ עד ה' באייר'. מ'גייט מאכן א צווייטע מיטינג, אין די סאמע לעצטע מינוט, און דארט גייט מען שוין זיכער מאכן אז מ'וועט קענען ארויסגעבן א 'פסק' וואס זאל שטימען גענצליך מיט די פאליטישאנס.

מ'ווארט אז רבי זלמן לייב פילאפף זאל אוועקפארן; רבי שלמה לייב ווייגבערגער וועט צו אלעם מסכים זיין, פון אים דארף מען נישט מורא האבן; רבי חיים דוד כ"ץ וועט סתם אזוי נישט קומען; רבי ארי' ראזענפעלד וועט טאקע ארויסגיין זייער ברוגז און נישט מסכים זיין צו נעמען קיין פעטוועי', אבער מיט אים וועט מען זיך שוין אן עצה געבן, קיינער דארף נישט וויסן וואס ער האלט אמת'דיג; רבי חיים קלמן גוטמאן מוז נישט קומען, אפילו ער איז ברוגז, קיינער פרעגט אים מילא נישט; און אזוי גייט מען מאכן א מיטינג פון 'די דיינים'.

נאכ'ן זען וואספארא חוזק מ'בלייבט, ווען מ'קען נישט צוזאמקראצן נישט נאר קיין שום פרעמדע רבנים, נאר אפילו די אייגענע דיינים האלטן נישט ביים מיטשפילן, האט מען אויסגעברייטערט די מיטינג אז ס'זאל אריינגעמען וואס מער פון די בני המשפחה.

רבי חיים יושע פון מאנסי זאגט קלאר אז ער קען נישט נעמען קיין פעטוועי' ווייל 'מיינע מענטשן וועלן מיך הרג'נען', אבער ער מוז אריינקומען צו די מיטינג אז ס'זאל כאטש האבן א שטיקל צורה; אויך רבי חיים הערשעלע, דער נייער 'רעבע זכרונו לברכה' בדורינו, וועט קומען צו די מיטינג, און אונז ווייס מיר דאך דעם

אמת אז אויך ער וועט נאכטאנצן די פאליטישאנס פידל, אונטער'ן מאנטל פון 'תמימות' און 'פרומקייט'; שוין אפגערעדט פונעם גרעסטן גדול הדור, 'רבי יעקב בער', דער היייליגער סיגוטער רב, וואס האט צוגעענדיגט דעם שיינעם בילד.

ויצא העגל הזה!

דער טאג פון דאנערשטאג שמות וועט אין אידישע היסטאריע איינגעקריצט ווערן מיט שווארצע פינסטערע אותיות. א טאג וואס האט קאלמינירט די גאנצע לעצטע 25 יאר, און ס'שטעלט זיך ארויס א גאר שווארצער בילד!

מ'האט געגומען אלע רבנים און דיינים, וואס מ'האט געהאט פארשפראכן אז זיי גייען אונז פירן און זיי גייט מען פאלגן, און מ'האט זיי אלע געווארפן איבער'ן דראנג, טייל האט מען זיך ניטאמאל געקימערט אז זיי זאלן זיין ביי די אסיפה, און די אנדערע וואס מ'ווייסט אז מ'קען זיי דרייען א קאפ און זיי וועלן אלעס פאלגן, נאר זיי האט מען גערופן, און פארשטייט זיך אז יעדער דארט האט 'פארשטאנען' וואס רבי זלמן לייב וויל, און אז קיינער זאל זיך נישט וואגן צו זאגן קיין פיפס אנדערש ווי די פאליטישאנס הייסן, ווייל אויב יא איז אחת דתו!

און מיט די אלטע באקאנטע שאנטאזש און טערארר, וואס מ'האט אונז געהאט צוגעזאגט אז 'דאס איז געענדיגט נאך תשנ"ט', און דערוייל האט מען עס אזוי פולקאם איבערגע'חזר'ט, און נאך ווי א 'תלמיד המחכים את רבו', ווען דער אלטער משה גבאי איז פריש געווארן 'חדש ימינו כקדם' און מ'האט ווידער געגוצט די זעלבע אלטע מיטלען צו באצווינגען און פארשווייגן יעדער מינדסטער דעת תורה.

און וואס איז געווען די תוצאה?! געווארפן אלע 'אונזערע' קינדערלעך פאר די הונט! מ'האט אונזערע אייגענע מוסדות אריינגעדרייט אין א נייעם סייקל וואס מ'גייט אנהייבן צו לערנען זאכן וואס מ'האט קיינמאל נישט געלערנט, זאכן וואס זענען אסור צו לערנען, זאגן פאר די רעגירונג אז מ'גייט לערנען אלע טריפה'נע לימודים, מ'גייט אנהייבן צו לערנען מער שעות (כדי די קינדער זאלן קענען נעמען די טעסטס, וואס מ'קען דאך נישט מאכן אזוי גראב חוזק פון די גאווערמענט, און מ'וועט מוזן צוגרייטן די קינדער צום פאהרהער, וואס גייט נישט אויף איין פוס) - און אלעס כדי צו קענען באקומען ווייטער די מיליאנען פון די רעגירונג, וואס אויף אנדערע שרייט מען אלע יארן אז 'מען פארקויפט זיך פאר געלט'!

אויב ס'איז נישט גענוג דער בלאף, מוז מען דאך ווארפן זאמד אין די אויגן פאר די קעלבעלעך, פאר די רעגירונג וועט מען שיקן א 'פעטוועי' און פאר די קעלבעלעך וועט מען שיקן א 'בריוו' צו דער איד, אזוי זאלן זיי זיך כאטש איינרעדן כאילו דאס מאכט עפעס אויס אויף די אויסגעקליבענע פעטוועי, אינדערצייט וואס עס ברענגט בלויז ארויס שארפער דעם שענדליכן פארראט, ווען מ'זאגט פאר די רעגירונג ברחל בתך הקטנה אז 'יא, מיר ווארפן זיך אונטער ענקערע פארלאנגען'.

יעצט פרעג איך ענק, הזאת נעמי?! פאר דעם האבן מיר אונז זיך געשלאגן אזויפיל יארן?! פאר דעם האט מען געמאכט אזא שרעקליכע פייער אין סאטמאר, פאר דעם האט מען אזויפיל יארן געהעצט קעגן דעם ברודער מיט אלע מיני מערכות, ווען יעדע זאך וואס ער האט געטון און געזאגט האמיר אונז געדארפט שרייען פארקערט, אז צום סוף זאל זיך גאר ארויסשטעלן אז 'אונז זעמיר די לינקע'?! 'אונז' זעמיר די וואס פארקויפן דעם חינוך הטהור פאר אפאר גרייצער?! און ס'זאל זיך ארויסשטעלן דער עכטער בילד אז 'ער' איז גאר דער רעכטער, ער איז דער וואס מאכט זיכער אז מ'ווארפט זיך נישט אונטער די גזירת שמד, ווען אלע ערליכע מוסדות אין ניו יארק קוקן וואס 'ער' גייט זאגן.

און די זאלי פארטיי גייט ווערן דער סימבאל פון די וואס שלאגן זיך אז נישט נאר זיי זאלן גיין לינק, נאר 'אלע' מוסדות זאלן זיי נאכטאנצן קיין לינקס?!

פאר דעם האט מען געפירט אזעלכע העפטיגע מערכות לטובת די 'דיינים', אז מ'זאל קענען מאכן פון זיי און פונעם גאנצן ציבור אזא הילכיגן פורים אינמיטן חודש טבת?!

דאס הייסט אז ער האט 'געהויבן דעם כבוד פון רבי'ן זכרונו לברכה'?! איז דען שוין געווען איינער וואס

האט אזוי מיאוס פארראטן דעם רבי'ן זכרונו לברכה ווי רבי זלמן לייב, מיט זיינע קינדער חיים הערש און יעקב בער?! אז די גאנצע וועלט זאל טייטלען מיט די פינגער אז 'סאטמאר פארקויפט דעם חינוך פאר געלט'?! אז יעדער ערליכער איד, אלע רבנים און דיינים, וויינען אונטער'ן קושן אויף דעם שרעקליכן פארברעכן, און די איינציגסטע וואס טאנצן פאר שמחה זענען אגודת ישראל און די פיינטליכע עדיוקעישאן דעפארטמענט?!

אויך אנדערע רבנים וואס זענען אלע יארן געווען ביי זיי פארהייליגט, ווערן יעצט באזייטיגט און אוועקגעמאכט און דערנידערט, פאר'ן חטא פון נישט גיין אין שפאן. נאר אנצוכאפן איין דוגמא, אזא ערליכער און געהויבענער גאון ווי רבי ישראל יצחק קאלמענאוויטש, וואס איז קוים נעכטן געווען 'גאון ישראל וקדושו', איז פלוצלינג געווארן 'פערסאנא נאן גראטא' נאר ווייל ער זאגט אפן זיין קלארן דעת תורה, און ס'שטימט נישט אינגאנצן מיט זייערע פאליטישאנס!

אפילו רבי אברהם שלמה בלום פון קאשוי, וואס מ'האט אלע יארן טרומפייטערט אז 'ער איז אונזער רב פון פערלס', ציטערט אויך צו זאגן א ווארט, כאטש וואס ער אליינס נעמט טאקע דייקא "נישט" קיין פעטוועי.

ס'האלט ביי אזא אבסורד, אז אפילו מער מאדערנע מוסדות, וואס וואלטן געקענט נעמען א פעטוועי, זאגן אבער אז זיי גייען נישט אויסקלויבן קיין פעטוועי ווייל די רעגירונג זאל אונז נישט איינטיילן, און דוקא סאטמאר איז די וואס קעמפט זיך צו בייגן פאר די רעגירונג! ווי ווייטאגליך איז דאס ווערטל אז "די אגודה האט יעדן פארלוירן, אויסער סאטמאר"...?! ווי שעמען זיי זיך נישט צו באווייזן דאס פנים אין די גאס?!

אדרבא, זאגט איר אליינס, האט זיך דאס געלוינט?! את מי אתם מחליפים במי?!

~~~

און יעדער איז שטיל!

דאס איז נאך די גרעסטע היפאקריטיע.

לאמיר נאר א מינוט באטראכטן, וואס וואלט געווען ווען די מעשה וואלט געווען פארקערט?! אויב רבי זלמן לייב וואלט געשריגן אין די גאסן מיט'ן גאנצן כח אז מ'טאר נישט נעמען קיין פעטוועי, און רבי אהרן וואלט געווען דער וואס איז מסביר אז מ'קען זיך נישט שלאגן מיט די רעגירונג, און מ'מוז גיין נעמען פעטוועי 6, וויאזוי וואלטן די גאסן אויסגעזען?!

וויפיל פאשקעווילן וואלטן זיך געגאסן אין די גאסן?! וויפיל וויינענדיגע שלש סעודות תורות וואלטן זיך געקייקלט אין אזויפיל בתי מדרשים?! וויפיל פעך און שוועבל וואלט מען געגאסן אין די צייטונגען און געהערט אין אלע האטליינס קעגן דעם פארראטער?! וויפיל אסיפת הרבנים'ס וואלט מען פאררופן (און יא, דארט וואלט מען שוין גערופן אלע דיינים...)?! וויפיל קול קורא'ס וואלטן געהאנגען אויף די ווענט?!

איבעראל וואלט מען געהערט דעם פזמון, 'שוין ווידער שטעלט זיך ארויס ווער ער איז', און אזויפיל אנדערע מיאוס'ע לאזונגען און שפיזיגע שטעך-ווערטער וואלטן זיך געגאסן אין זיין ריכטונג.

אבער דא יעצט הערט מען קוים א קול ענות חלושה, קיינער ווייסט נישט, קיינער הערט נישט, קיינער זעט נישט, אפילו די פראפעסיאנאלע בעלי מחאה וועלכע וויינען אייביג אויף די פירצות הדור האבן יעצט אנגענומען א פולן מויל מיט וואסער.

און אלעס ווייל יעדער ציטערט פאר זיין לעבן. א חלק טויג עס פשוט נישט פאליטיש צו זאגן עפעס, אבער אפילו די ערליכע רבנים און יראי ה', טרעפן זיך אונטער דעם זעלבן אמאליגן פחד וואס משה גבאי האט אויף זיי ארויפגעווארפן, און יעצט איז געקומען די נייע דור 'משה גבאי'ס תלמידים' און נעמען די זעלבע מיטלען, און ווידער ארבעט עס, אויך אין 2024.

נו, וואס דארף זיין אונזער סך הכל צו דעם?!
~~~